# א.מ. ווײַסענבערג

## מזל-טובֿ

### (אַ בילד)

דאָס שטעטל רוישט: דער רבי איז פּלוצלינג אַוועקגעפֿאַלן – און מען זעט באַשײַנפּערלעך, פֿון דער ערשטער מינוט אָן, אַז די טויערן פֿון הימל זײַנען פֿאַרמאַכט!

עס טראָגן זיך צונויפֿגעמישטע האַרץ-רײַסנדיקע קולות. אין טירן פֿון געוועלבלעך שטיין די קרעמערקעס מיט בלאַסע, פֿאַרוויינטע פּנימער און קוקן מיט נײַגעריקע שטילע בליקן אַהין אין עק גאַס אַרײַן. חוה-גיטל די טעפּערקע לויפֿט שטאַרק צעטראָגן, דאָס פּנים פֿאַרפֿלאַמט. זי באַגעגנט נאָך אַ ייִדענע און דערציילט עפּעס מיט היץ און מאַכט שטאַרק מיט די הענט. און הירשל מלמד לויפֿט, מיטן דין אויסגעצויגענעם העלדזל פֿאָרויס, מיטן אויסגעשטרעקטן קעפּל, די הענט אין די הינטערשטע קעשענעס, די דינע, עלנבויגנס זײַנען אָפּגעשטעלט ווי די פֿליגל בײַ אַ דאַרע גאַנדז, וואָס גרייט זיך צו צום פֿליִען. און אַ חדר-ייִנגל, מיט קליינע פֿיסלעך און רויט פֿאַרפֿלאַמטע בעקלעך, מיט בלישטשענדיקע אויגעלעך, לויפֿט אים נאָך פֿון הינטן.

– אין בית-מדרש אַרײַן! אין בית-מדרש אַרײַן!

---

דאָס בית-מדרש איז איבערפֿולט.

מלמדים און תּלמידים פֿון אַלע חדרים האָבן זיך אַצינד ווי צונויפֿגעגאָסן אַלע אין איינעם.

אַ ייִד, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע, שטייט פֿאַרן עמוד און מיט אויסגעשטרעקטע הענט זאָגט ער מיט אַ יאָמערלעך קול „תּפֿילה למשה“ פּסוק בײַ פּסוק. און דער עולם זאָגט נאָך אַזוי האַרציק, מיט אַזוי פֿיל צער און מיט אַזאַ צערודערטקייט, אַז די

קינדער שטעלן זיך מיט אָפֿענע מײַלעכלעך און אויסגעגלאָצטע אויגעלעך... און אָט בײַ דער וואַנט באַהאַלט אײנער דאָס פּנים אין תּהלימל אַרײַן מיט אַ ביטערן קרעכץ און הײבט ווײַטער אויף די אויגן צום באַלקן, פֿאַרמאַכט זײ צוריק, און בלײַבט שטײן שטיל מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז, ווי יצחק צו דער עקידה... און מען זאָגט אַלץ און מען זאָגט, און דעם רבינס נאָמען האָט מען שוין געלײגט אויף אַלערלײ אופֿנים, לויט ראשי תּיבות פֿון די פּסוקים, און דער עולם זיפֿצט אָפּ, און זאָגט ווײַטער און זיפֿצט ווײַטער.

אין רבינס הויף שטײט מען קעפּ אויף קעפּ. דער פּראָסטער עולם – שוסטער, שנײַדער – שטײן מיט אויסגעגלאָצטע שטאָרע אויגן. חסידישע יונגע לײַט דרײען זיך אַרום יעדערער פֿאַר זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע גאַרטל-עקן, וואָס פּלאָנטערן זיך זײ פֿאַר די פֿיס. שטיל. אײנער רעדט נישט צום צווײטן. מלמדים און תּלמידים זײַנען צוריק געקומען פֿון בית-מדרש. די מלמדים שטײן אין אַ באַזונדער רעדל, קוקן זיך איבער, שמועסן עפּעס שטיל צווישן זיך... חדר-קינדער, קונדסים און גלאַט יונגען, כאַפּן זיך אויפֿן פּלאַנקען פֿון רבינס סוד, קריכן איבער דאַך פֿון אײַז-קעלער און צעלײגן זיך אין דער לענג און אין דער ברײט אַלע מיט די פּנימער צום רבינס פֿענצטער... שמשים און אײַנגײער לויפֿן צעמישט אַרײַן און אַרויס. בחורים, ווילערנער, לויפֿן זײ נאָך און פּלאָנטערן זיך פֿאַר די פֿיס. און פֿרעגט מען בײַ וועלכן פֿון זײ, וואָס ער הערט זיך, צעשפּרײט ער די הענט, זיפֿצט אָפּ און אַנטלויפֿט ווײַטער. און דאָרט, הינטערן פֿאָדער-הײַזל, שטײט פֿאַררוקט אין אַ ווינקל אַ גאַנצע מחנה ווײַבער און קרימען די פּנימער און האַלטן די פֿאַרטעכער גרײט אין די הענט צום װײנען... פּלוצלינג לאָזט זיך פֿון שטוב אַרויס אַ רעש, אַ יללה, דער עולם גיט זיך אַ ריר –"דער דאָקטאָר הײסט גאָט בעטן!" – האָט עמעץ אויסגעשריִען פֿון פֿענצטער, דער עולם בלײַבט פֿאַרשטײנערט, און די מחנה ווײַבער לאָזט זיך אַרויס און שנײַדט זיך דורך די מענער, וואָס טרעטן זײ אָפּ דעם וועג. די ווײַבער לאָזן זיך מיט אַ יללה אין גאַס אַרײַן. אין גאַס באַהעפֿטן זיך צו דער מחנה נאָך ווײַבער גײענדיק אין מאַרק צעטײלן זיך די ווײַבער אויף צווײ מחנות, אײנע לויפֿט אין שול אַרײַן, די צווײטע – אויפֿן בית-עלמין.

אין מאַרק דרייען זיך אַרום די מענער ווי פֿאַרלוירענע, שוויַיגנדיקע שאָף, ביז עס קומט איינער מיט אַן ערגערע בשׂורה. דער עולם בלײַבט שטיין פֿאַרגליווערט און ציטעריקע ליפּן שעפּטשען:

– ברוך דײַן אמת! ברוך דײַן אמת!

און אַצינד איז שוין דער עולם בײַ גאָרנישט געבליבן – און האָפֿענונג, אָן טרייסט... איינס נאָר – צו באַדויערן די רביצין מיט די יתומים און איבערצוציילן זיי. זיך אַליין האָט שוין קהל אָן אַ זײַט אַוועקגעשטעלט, געלאָזט זיך אויף גאָטס באַראָט און זײַן גזר-דין אָנגענומען פֿאַר ליב.

די שמשׂים זײַנען שוין אויף דער פּאָסט אַוועקגעלאָפֿן מיט לאַנגע אויסגעשטעלטע דעפּעשן. דאָס פֿענצטער פֿון חדר ווּ דער רבי איז געלעגן האָט רויט אויפֿגעפֿלאַמט – און אַ דין קאַלט רעגנדל טריפֿט פֿון בלײַערן פֿאַרפּאַנצערטן הימל און עס קאַפּעט און קאַפּעט און עסן זיך אײַן אין לײַב, אַז די גלידער דרייען זיך צונויף און קאָרטשען זיך אײַן. בעלי-מלאכהס שטעלן די קעלנערלעד אויף און טוליען אײַן די קעפּ צווישן די אָרעמס. מלמדים וויקלען זיך מיט רויטע פֿאַטשיילעס די פּנימער ווערן וואָס אַ מאָל פֿינצטערער, בלויער און אײַנגעשרומפּענער. די ליפּן ציטערן און די אויגן מרוזשען זיך צו.

און נאָך בײַ נאַכט האָבן וועגלעך חסידיש אָנגעהויבן אָנצוקומען פֿון די אַרומיקע שטעטלעך, און צומאָרגנס איז געווען אַ געפּאָרעריַי – די גאַסן האָבן נישט גערוט פֿון דראָשקעס און קאָטשן, צו מיטאָג זײַנען שוין אַלע געוועלבן געווען פֿאַרהאַקט און דער גאַנצער עולם האָט זיך פֿאַרזאַמלט אויפֿן רבינס הויף.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געשרייעריַי אין דער טיר: – מאַכט אויף!... מאַכט אויף!... – די מטה האָט זיך באַוויזן און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ ריר געטון.

מען איז אַרײַן אין בית-מדרש צום הספּד. איז געוואָרן ענג – אַ שפּילקע אויף דער ערד נישט צו וואַרפֿן. און קעפּ אויף קעפּ איז מען געשטאַנען, אויסגעמישט מענער און ווײַבער, און איבער די טישן און איבער דעם באַלעמער, אומעטום איז פֿול און שוואַרץ. און די ברענענדיקע ליכט אין די הענגלײַכטער האָבן שרעקלעך היץ

צוגעגעבן. אַלע פּנימער זײַנען רויט, באַגאָסן מיט שווייס. און די לופֿט שטיקט. עס איז הייס און דומפּיק. די מטה האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרן ארון-קדוש, און חסידים כאַפּן זיך איינס דאָס אַנדערע אויף די פּלייצעס, וועלנדיק אַריבערדערגרייכן מיט די אויגן איבער די קעפּ. און אַלע הענגען אין דער לופֿטן, אַלע איינס אויפֿס אַנדערע און אַלע אין איינעם. אין שטיל איז און אַלעמענס אויגן האָבן זיך אײַנגעטוטשעט צום סאַמע מיטן... און באַלד האָט זיך אַ דין קולכל דערהערט: „אַ צו גרויס משכון נעמסט דו, גאָט, אונדז צו פֿאַר אונדזערע זינד... האָסט אונדז אַראָפּגעריסן אונדזער כּתר התּורה, און, בעונותינו הרבים, צוגענומען די צוואַנג, אָן וועלכער מען וועט גאָרנישט קאָנען מאַכן...“

און איז שטיל געוואָרן און צווישן די ווײַבער און מיידלעך, מיט טיכלעך אויף די קעפּ ביז אין די האַלבע אויגן פֿאַרשטעלט, איז געוואָרן אַן אײַנגעהאַלטן געהעשערײַ...

די מטה האָט זיך אַ ריר געטון און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו פּאַקן דורךביידע טירן אַרויס און דורך די אויפֿגעפּראַלטע פֿענצטער.

די גאַס איז שוין געווען געשלאָסן – אַ קייט חסידים פֿון דער זײַט און פֿון דער זײַט און אַן עולם מיט דער מטה ציט זיך און ציט זיך, ווי איין לאַנגער פּאַס מיט טויזנטער פּנימער. און אַ גאַנצן וועג האָט מען פּסוקים געזאָגט. און דער זון – דער יורש, איז נאָכגעגאַנגען צוקאָפּנס, אָנגעלענט מיטן שטערן אויף דער מטה און דאָס פּנים אין די הענט באַהאַלטן...

אויפֿן גוטן אָרט צווישן די ביימער איז שוין געווען גרייט דאָס קבֿר און דער אָרון. און בשעת קבֿורה האָט מען דעם רבין אין אָפֿענעם קבֿר אַרײַן „מזל טוב“ אָפּגעגעבן און דער גאַנצער עולם האָט זיך באַלד געווענדט צום זון: „מזל טובֿ, רבי!... מזל טובֿ, רבי!...“

דאָס קבֿר איז שוין צו; דער נײַער רבי האָט קדוש געזאָגט.

און אַ טרייסט און אַ נײַע האָפֿענונג האָט אָנגעהויבן צו בליִען. די פּנימער האָבן זיך צוריק אויסגעלײַטערט, און אין די אויגן האָט א פרישע אהבה אָנגעהויבן צו שפּראָצן. און אַלע האָבן זיך אַרום דעם

רבין אײַנגעזאַמלט און מיט ליכט אין די אויגן געקוקט, ווי די שכינה האָט אויף זײַן בלאַס פנים גערוט.

אויפן בית-עולם איז שטיל געוואָרן. די ביימער האָבן זיך שטיל געשאָקלט און „בלחש“ תפילה געזאָגט.

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון בנימין צדוק, נח מילער,לעאָנאַרד פּראַגער,
רפֿאל פֿינקל און אבֿרהם ברוך בערקאָוויץ

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved